Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
& la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 13, נומער 1 (61)

תשרי תשס״ח/אָקטאָבער 2007

# האַלאָווין

אין דער צײַט ווען די טעג ווערן קירצער און די קאַלטע ווינטן הייבן אָן צו בלאָזן קומט אויף דער וועלט אַ שטימונג[1] פֿון טרויער. די זון דערווײַטערט זיך ביסלעכווײַז פֿון דער ערד און מענטשן פֿילן זיך דערשראָקן און מעלאַנכאָליש. אין פֿאַרשיידענע קולטורן איז דאָס אַ צײַט ווען מען טראַכט וועגן טויט, און פֿון דעם וואַקסן אַרויס פֿאַרשיידענע יום־טובֿים[2], אַ מאָל ערנסטע און אַ מאָל גאָר פֿריילעכע, ווי מע וואָלט געוואָלט אָפּלאַכן פֿונעם טויט.

בײַ ייִדן איז דער גאַנצער חודש אלול[3] אַ צײַט פֿון טרויער און פֿון תּשובֿה[4] – מען גייט אויף די קבֿרים[5] פֿון נאָענטע און מען זאָגט סליחות[6]. די טעג צווישן ראָש־השנה[7] און יום־כּיפּור[8] רופֿט מען די ימים־נוראים[9], די שרעקלעכע טעג, ווײַל דעמאָלט ווערט באַשטימט אין הימל ווער עס וועט לעבן און ווער עס וועט שטאַרבן אינעם קומענדיקן יאָר. ייִדן שיקן זיך שנה־טובֿות[10] – קאַרטלעך מיט די ווערטער „לשנה טובֿה תּכּתבֿו (ותחתמו)“[11] – ווינטשנדיק זיך, אַז מען זאָל פֿאַרשריבן (און פֿאַרזיגלט) ווערן אויף אַ גוט יאָר.

אין די אַלטע צײַטן זײַנען געווען בײַ די פּאַגאַנישע פֿעלקער אין אייראָפּע ענלעכע[12] מינהגים[13]. בײַ די קעלטישע פֿעלקער אין אירלאַנד און די בריטישע אינדזלען האָט מען גערופֿן די חגא[14] (און דעם גאַנצן מאָנאַט) „סאַוען“[15], וואָס מיינט סוף[16] זומער. אין דעם קעלטישן קאַלענדאַר איז דאָס געווען דער סוף פֿון דער ליכטיקער העלפֿט פֿון יאָר און אָנהייב פֿון דער טונקעלער העלפֿט. ס'איז אַ צײַט ווען די וועלטן פֿון טויטע און לעבעדיקע זײַנען נאָענט און מע האָט געקענט קומען אין באַרירונג[17] מיט פֿאַרשטאָרבענע קרובֿים[18]. מע פֿלעגט זיי געבן עסן (עפּל, ריבן[19]...), שטעלן פֿאַר זיי אַ שטול בײַם טיש, און אָנצינדן ליכט אין די פֿענצטער זיי צו ווײַזן דעם וועג. כּדי[20] אַוועקצוטרײַבן די בייזע רוחות[21] פֿלעגט מען צינדן פֿײַערן אין די פֿעלדער.



ווען די רוימער האָבן איבערגענומען מערבֿ[22]־אייראָפּע האָבן זיי אויך אָנגענומען עטלעכע פֿון די פֿירונגען[23] און זיי צוגעפּאַסט צו דער רוימישער טראַדיציע. אָט דעם יום־טובֿ האָבן זיי געווידמעט[24] דער געטין[25] פֿון פֿרוכט אוןביימער, פּאָמאָנאַ.

אין די קריסטלעכע צײַטן האָט די קירך געפּרוּווט אָפּצושאַפֿן[26] די פּאַגאַנישע פֿירונגען און ווען דאָס איז געווען אוממעגלעך האָט מען זיי איבערגעמאַכט אויף קריסטלעכע חגאָות[27]. אין יאָר 835 איז אָט דער טאָג פֿון אַלע רוחות געוואָרן דער טאָג פֿון אַלע הייליקע, אויפֿן קאַלענדאַר דעם 1טן נאָוועמבער – Toussaint, און אויף ענגליש All Hallows[28]. דעם אָוונט פֿונעם 31סטן אָקטאָבער האָט מען גערופֿן

[סוף זײַט 8]



1. atmosphère/mood 2. yomtoyvim fêtes/holidays, *sing.* יום־טובֿ yontef 3. khoydesh elul le mois d'eloul (août-sept.)/the month of Elul (Aug.-Sept.) 4. tshuve pénitence 5. kvorim tombes/graves, *sing.* קבֿר keyver 6. slikhes prières de repentir/penitential prayers 7. roshe-shone nouvel an juif/Jewish New Year 8. yomkiper jour du pardon/day of atonement 9. yomim-neroim jours redoutables/days of awe 10. shonetoyves cartes de nouvel an/New Year cards 11. leshone toyve tikoseyvu (vesekhoseymu) que vous soyez inscrits (et scellés) pour une bonne année/may you be inscribed (and sealed) for a good year 12. similaires/similar 13. minhogim coutumes/customs, *sing.* מינהג minheg 14. khoge fête (non juive)/(non-Jewish) holiday 15. "Samhain" *celt. pron.* sow-en 16. sof fin/end 17. contact 18. kroyvim proches/relatives, *sing.* קרובֿ korev 19. navets/turnips 20. kede'y afin de/in order to 21. rukhes esprits/spirits, *sing.* רוח ruekh 22. mayrev de l'Ouest/western 23. coutumes/customs 24. consacré/dedicated 25. déesse/goddess 26. supprimer/eliminate 27. khagoes *plur.* de חגא (note 14) 28. hallow = holy, saint

# ייִדישע שדים[1]

די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט שדים. מע זאָגט אַז יעדער מענטש האָט טויזנט שדים פֿון זײַן לינקער זײַט, און צען טויזנט פֿון זײַן רעכטער זײַט. נאָך אַ גליק, אַז זיי זענען אומגעזעענע[2], ווײַל קיין שיינע זענען זיי ניט – זיי האָבן הערנער[3], פֿליגל, פֿעל[4] און הינערשע פֿיס[5]. שדים זענען באַשאַפֿן געוואָרן דעם 6טן טאָג בראשית[6], ערבֿ שבת[7] (גאָט האָט ניט באַוויזן זיי צו געבן גופֿים[8], ווײַל ס'איז שוין באַלד געווען שבת און ער האָט געדאַרפֿט זיך אָפּרוען). דער שׂטן[9] אַליין איז אַ מלאך[10] – סמאל[11] – וואָס איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון הימל. ס'איז דאָ אויך אַנדערע געפֿאַלענע מלאָכים, וואָס האָבן זיך פֿאַרליבט אין ערדישע פֿרויען. שדים קענען זיך פֿאַרמערן[12] – מע גלייבט אַז פֿון יעדן שלעכטן געדאַנק ווערט געבוירן אַ שד. איצט פֿאַרשטייט מען בעסער, פֿאַר וואָס זיי זענען אַזוי פֿיל.

און מע באַמערקט טאַקע, אַז זיי ווערן מער און מער מיט דער צײַט : אינעם תּנך[13] דערמאָנט מען בייזע רוחות[14], וואָס וווינען אין מידבר[15] אָדער אין חורבֿות[16], קענען צעטומלען מענטשן און ברענגען קראַנקייטן. נאָר קיין סך זענען זיי אין יענע אַלטע צײַטן נאָך ניט. ערשט אין גמרא[17] און קבלה[18] און אין דער שפּעטערדיקער רבנישער[19] ליטעראַטור, שפּילן די נישט־גוטע[20] אַן אַלץ גרעסערע ראָלע און ווילן אַלץ מער שאַטן[21] מענטשן. זיי זענען באַזונדערש אַקטיוו מיטוואָך אין אָוונט און ערבֿ שבת, אָבער אַנדערע זענען געפֿערלעך אין דער פֿרי – אַחוץ[22] שבת, ווען זיי האָבן ניט קיין מאַכט. מע דאַרף אַפֿילו[23] ניט גיין אין וואַלד אָדער אויפֿן בית־עולם[24] צו באַגעגענען אַ שד – שוין דאָס טרינקען וואַסער אין אָוונט בײַ זיך אין דער היים קען זײַן אַ סכּנה[25]. און אַרויסגיין בײַ נאַכט – דער עיקר[26] אין אָפּטריט[27] – איז אַוודאי[28] סכּנת־נפֿשות[29] ! ווען עמעצער שטאַרבט, דאַרף מען אויסגיסן דאָס גאַנצע וואַסער וואָס געפֿינט זיך אין שטוב (ס'האָט דאָרטן געקענט אַרײַנפֿאַלן אַ טראָפּן סם[30] פֿון דער שווערד[31] פֿונעם מלאך־המוות[32]). און ווען מע זיצט שיבֿעה[33], דאַרף מען פֿאַרדעקן אַלע שפּיגלען, ווײַל אַ שפּיגל קען צוציִען אַ שד. פֿרויען דאַרפֿן זיך באַזונדערש היטן פֿאַר מזיקים[34] : גיין אין מיקווה[35] איז שוין אַ סכּנה, און אויף טראָגעדיקע[36] פֿרויען אָדער קימפּעטאָרינס[37] לויערט[38] לילית[39], וואָס גנבֿעט אַוועק[40] נײַ געבוירענע קינדער.

פֿון לילית און אַנדערע שדים קען מען זיך באַשיצן מיט קמיעות[41], שפּרוכן[42] און תּפֿילות[43]. מע זאָגט אויך אַז ס'איז גוט צו טראָגן עפּעס רויטס אָדער אַ ביסל זאַלץ אין די קעשענעס – עס העלפֿט דערווײַטערן אַן עין־הרע[44].

דער קעניג פֿון אַלע שדים איז אַשמדאי[45].

אַחוץ שדים איז דאָ אויך אַנדערע אומסימפּאַטישע באַשעפֿענישן, ווי לצים[46] און שרעטעלעך[47], וואָס מאַכן פֿאַרשיידענע שטיפֿערײַען[48], דיבוקים[49] וואָס גייען אַרײַן אינעם גוף פֿון לעבעדיקע מענטשן, וואָלקאָלאַקעס[50] און די באַבע־יאַגע (געסט פֿון דער סלאַווישער דעמאָנאָלאָגיע), ווי אויך בייזע מכשפֿים[51] און מכשפֿות[52].



מיט אַזאַ גרויסן אויסקלײַב נישט־גוטע איז ניט קיין ווונדער אַז עטלעכע ייִדישע שרײַבער, וואָס דער באַקאַנטסטער פֿון זיי איז יצחק[53] באַשעוויס־זינגער, האָבן פֿון זיי געמאַכט העלדן פֿון זייערע ווערק. אַלע קענען די פּיעסע „דער דיבוק“ פֿון ש. אַנ–סקי, נאָר ניט אַלע ווייסן אַז ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ קאָמישע פּאָעמע וועגן דער שדים־וועלט, „אַשמדאי“. דער גרויסער מיסטישער פּאָעט אַהרן[54] צייטלין האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע „ייִדישע שדים“ וועגן ייִדישע מענטשן, וואָס האָבן שלעכטע געדאַנקען און ווערן אַזוי אַרום טאַטע־מאַמע פֿון קליינע שדים. לאָמיר געבן דאָס לעצטע וואָרט דעם גרויסן שרײַבער פּרץ[55] וואָס הייבט אָן זײַן פּאָעמע „מאָניש“ מיט די ווערטער :

*די וועלט איז אַ ים[56]*
*ברייט אָן אַ שיעור[57] ;*
*די פֿיש זענען מיר,*
*דער פֿישער איז ס"ם[58].*

1. sheydim démons, *sing.* שד shed 2. invisibles/invisible 3. cornes/horns, *sing.* האָרן 4. fourrure/fur 5. pattes de poule/chicken's legs 6. breyshis Genèse/Genesis 7. erev shabes veille de shabbat/Sabbath eve 8. gufim corps/bodies, *sing.* גוף guf 9. sotn Satan 10. malekh ange/angel 11. samoel Samaël 12. multiplier/multiply 13. tana'kh la Bible juive/Jewish Bible 14. rukhes esprits/spirits 15. midber désert 16. khurves ruines/ruins 17. gemore Talmud 18. kabole Kabbale/Cabala 19. rabo'nisher rabbinique/rabbinic 20. forces du Mal/forces of evil 21. nuire/harm 22. akhu'ts sauf/except for 23. afile même/even 24. beys-oylem cimetière/cemetery 25. sakone danger 26. der iker surtout/especially 27. toilettes/toilet 28. avade bien sûr/of course 29. sakones-nefoshes danger mortel/deadly danger 30. sam poison 31. épée/sword 32. malekhamoves ange de la mort/angel of death 33. shive les 7 jours de deuil/7 days of mourning 34. mazikim démons 35. mikve bain rituel/ritual bath 36. enceintes/pregnant 37. femmes en couches/women in childbirth 38. guette/lies in wait for 39. lilis Lilith 40. ganvet … vole/steals 41. kameyes amulettes/amulets 42. sorts/spells 43. tfiles prières/prayers 44. eyn(h)ore mauvais œil/evil eye 45. a'shmeday Asmodée/Asmodeus 46. leytsim esprits farceurs/pranksters 47. lutins/elves 48. farces/pranks 49. dibukim dibouks/dybbuks 50. loups-garous/werewolves 51. mekhashfim sorciers/wizards 52. makhsheyfes sorcières/witches 53. yitskhok 54. arn 55. perets 56. yam mer/sea 57. … shier sans limites/endless 58. sam *abbrév. de/of* Samaël .

# טײַבעלע און הורמיזאַ[1] [פֿראַגמענטן]

## פֿון יצחק[2] באַשעוויס־זינגער

דער לאַווערעאַט פֿון דער נאָבל־פּרעמיע, יצחק באַשעוויס־זינגער (1904–1991), האָט זיך שוין ווי אַ ייִנגל צוגעהערט צו ייִדישע און פּוילישע מעשׂיות[3] פֿון טײַוולאָנים[4], שרעטעלעך[5] און בייזע רוחות[6]. שפּעטער איז ער אַליין געוואָרן אַ מײַסטער פֿון שדים[7]־דערציילונגען. די באַקאַנטסטע פֿון זיי זענען צוויי מאָנאָלאָגן פֿון אַ שד, „דער שפּיגל" און „מעשׂה טישעוויץ"[8]. דער שרײַבער האָט אויסגעאַרבעט אַן אייגנאַרטיקן שדישן[9] פּערסאָנאַזש : זײַן שד איז אַ געלערנטער אין ייִדישקייט, רעדט אָפֿט אין גראַמען[10] און שטעלט זיך פֿראַגעס, וואָס יעדער איינער פֿון אונדז וואָלט געוואָלט פֿרעגן בײַ דעם רבונו של עולם[11]... די דערציילונג „טײַבעלע און הורמיזאַ" האָט פֿאַר אַ העלד אַ שטעטלדיקן בעלפֿער[12] אלחנן[13], וואָס פֿאַרשטעלט זיך[14] פֿאַרן שד הורמיזאַ כּדי[15] צו פֿאַרפֿירן[16] אַ יונגע פֿרוי, טײַבעלע. ווי איר קענט זען, איז ער זייער איבערצײַגנדיק[17] אין זײַן ראָלע...



[...] – איך בין הורמיזאַ, דער שד וואָס האָט צו זאָגן איבער פֿינצטערניש, רעגן, האָגל[18], דונערן און ווילדע חיות[19]. איך בין דער אייגענער מחבל[20] וואָס האָט אַנטשפּויזט[21] יענע יונגפֿרוי, וואָס פֿון איר האָסטו היינט געשפּראָכן און מחמת[22] דו האָסט איבערגעגעבן די זאַך מיט פֿיל טעם[23], האָב איך פֿון אָפּגרונט אָנגענויגט אַן אויער צו דײַנע רייד און געקראָגן לוסט[24] צו דײַן לײַב. פּרוּוו מיר נישט ווידערשפּעניקן[25], ווײַל יענע וואָס זאָגן זיך אָפּ צו טאָן מײַן ווילן, שלעפּ איך אַוועק הינטער די הרי־חושך[26], צום באַרג שׂעיר[27], אין אַ וויסטעניש[28] ווּ מענטשן גייען נישט, פֿיי[29] טרעט נישט, די ערד איז אײַזן, דער הימל איז קופּער[30], און איך וואַלגער זיי דאָרט אין דערנער און אין פֿײַער, צווישן שלאַנגען, עקדישן[31] און פּיפּערנאָטערס[32] ביז יעדער ביין ווערט צעריבן אויף שטויב און זיי ווערן פֿאַרלוירן אויף אייביק אין שאול־תּחתּיה[33]. [...]

הורמיזאַ דער בעלפֿער האָט אַרויסגעבראַכט נאָך אַנדערע רייד, סײַ זיסע, סײַ שרעקעדיקע. ער האָט אָנגערופֿן די נעמען פֿון מלאָכים[34], שדים, מאַרעס[35], וואַמפּירן. ער האָט געשוווירן אַז אַשמדאי[36], דער קעניג פֿון די שדים, איז זײַן שטיפֿפֿעטער און אַז לילית[37], די קעניגין פֿון די נישט־גוטע, טאַנצט פֿאַר אים, הורמיזאַן, אויף איין פֿוס, און טוט אים געפֿעליקייטן[38]. שיבֿתא[39], די שדיכע[40] וואָס גנבֿעט[41] קינדער בײַ קימפּעטאָרינס[42], באַקט פֿאַר אים מאָן־קיכלעך אין אויוון פֿון גיהנום[43] און באַשמעלצט זיי מיט דעם פֿעטס פֿון כּישוף־מאַכערס[44] און שוואַרצע הינט. ער האָט גערעדט אַזוי לאַנג און מיט אַזוינע ווירציקע משלים[45] און גלײַכווערטלעך[46], אַז טײַבעלע האָט געמוזט שמייכלען אין איר באַדרענגעניש[47]. [...]

ער האָט נישט געלייקנט[48] אַז ער האָט נאָך אַנדערע ווײַבער, אָבער זיי זענען אַלע שדיכעס. [...] געוויינטלעך איז אַ ווײַבספּאַרשוין אייפֿערזיכטיק[49] אויב אַ מאַן האָט אַנדערע ווײַבער, אָבער ווי קאָן אַ מענטשן־טאָכטער זײַן אייפֿערזיכטיק אויף אַ טײַוול ? פֿאַרקערט, הורמיזאַס מעשׂיות זענען געפֿעלן טײַבעלען און זי האָט אים אַלץ מער אויסגעפֿרעגט און געפֿאָרשט. אַ מאָל האָט ער איר אַנטפּלעקט סודות[50] וואָס קיין שום מענטשנקינד קאָן נישט וויסן – וועגן גאָט, די מלאָכים, די שׂרפֿים[51], די אייבערשטע פּאַלאַצן, די זיבן הימלען ; אויך ווי מ'שטראָפֿט די רשעים[52] און מרשעתן[53] אין פֿעסער פּעך[54], בעקנס קוילן[55], אויף שטעכבעטלעך, אין קופּעס שניי און ווי די מלאָכי־חבלה[56] פֿיצקען[57] זייערע לײַבער מיט פֿײַערדיקע ריטער[58]. הורמיזאַ האָט געזאָגט אַז די גרעסטע שטראָף אין גיהנום איז קיצלען[59]. ס'איז דאָרט פֿאַראַן אַ לץ[60] און זײַן נאָמען איז לעקיש. ווען לעקיש קיצלט די פֿאַרשײַטע נקבֿות[61] אין די פּיאַטעס[62] און אונטער די אָרעמס, הילכט אָפּ דאָס יאָמער־געלעכטער ביז דעם אינדזל מאַדאַגאַסקאַר.

אַזוי האָט הורמיזאַ פֿאַרווײַלט[63] טײַבעלען אין די נעכט און ס'איז באַלד דערגאַנגען דערצו אַז זי האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך אים. [...]

איר קענט לייענען די גאַנצע דערציילונג אין דעם בוך פֿון יצחק באַשעוויס מעשׂיות פֿון הינטערן אויוון (תּל־אַבֿיבֿ, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1971) אָדער זי הערן אויפֿן קאָמפּאַקטל (CD) טײַבעלע און הורמיזאַ, געלייענט דורך דוד ראָגאָוו.



1. "Taybele et son démon"/"Taybele and her Demon" 2. YITSKHOK 3. MAYSES histoires/stories 4. diables/devils, *sing.* טײַוול 5. diablotins/imps 6. RUKHES esprits/spirits, *sing.* רוח RUEKH 7. SHEYDIM démons, *sing.* שד SHED 8. "Le Dernier Démon"/"The Last Demon" 9. SHE'DISHN de démon/demonic 10. rimes 11. REBOYNE SHEL OYLEM Dieu/God 12. enseignant auxiliaire au heder/teacher's helper in heder 13. ELKHONEN 14. se déguise/pretends to be 15. KEDE'Y afin de/in order to 16. séduire/seduce 17. convaincant/convincing 18. grêle/hail 19. ... KHAYES bêtes sauvages/wild beasts 20. MEKHABL démon 21. épousé/espoused 22. MAKHMES parce que/because 23. TAM saveur/flavor 24. désir/lust 25. désobéir/disobey 26. HORE KHOY'SHEKH monts de ténèbres/mountains of darkness 27. ... SEI'R Mont Séir/Mount Se'ir 28. désert/wilderness 29. bétail/cattle 30. cuivre/copper 31. scorpions 32. dragons 33. SHOYL-TAKHTIE les enfers/the underworld 34. MALOKHIM anges/angels 35. spectres/ghosts 36. A'SHMEDAY Asmodée/Asmodeus 37. LILIS Lilith 38. faveurs/favors 39. SHIVSE 40. SHE'DIKHE diablesse/she-devil 41. GANVET vole/steals 42. femmes en couches/women in childbirth 43. GE(HE)NEM enfer/hell 44. KISHEF-... sorciers/sorcerors 45. ... MESHOLIM exemples piquants/spicy examples 46. bons mots 47. anxiété/distress 48. nié/deny 49. jalouse/jealous 50. SOYDES secrets, *sing.* סוד SOD 51. SROFIM sérafins/seraphim, *sing.* שׂרף SOREF 52. RESHOIM méchants/the wicked, *sing.* רשע ROSHE 53. MARSHASN méchantes femmes/wicked women 54. tonneaux de poix/barrels of pitch 55. bassins de charbon/pans of coals 56. MALAKHE-KHABOLE anges des enfers/angels of hell 57. flagellent/whip 58. verges/rods 59. chatouiller/tickling 60. LETS esprit farceur/prankster 61. ... NEKEYVES femmes impudiques/wanton women 62. plantes des pieds/soles 63. diverti/entertained.




# די מיסטעריע האַרי פּאָטער



אינעם בודאַפּעשטער פֿליפֿעלד[1], וואַרטנדיק אויף אַן אַוויאָן, האָב איך דעם זומער באַמערקט גאָר אַ טשיקאַווע[2] זאַך. צו ערשט האָט געפֿאַנגען מײַן בליק אַ פֿרוי מיט אַ באַזונדערש דיק בוך – מסתּמא[3] האָט זי זייער אַ לאַנגע רײַזע פֿאַר זיך, האָב איך געטראַכט. נאָך אַ פּאָר מינוט האָב איך באַמערקט אַ פּאָרל מיט צוויי פּונקט[4] אַזעלכע דיקע ביכער. שפּעטער איז געווען אין קאַפֿע נאָך אַ מאַן, וואָס האָט טאַקע געלייענט מיט אַזאַ התמדה[5] אַז זײַן קאַווע איז געבליבן אַ פֿאַריתומטע[6] אויפֿן טיש. דאָס גאַנצע פֿליפֿעלד האָט אַ פּנים[7] געלייענט דאָס זעלבע בוך... פּלוצלינג האָב איך פֿאַרשטאַנען – דער נײַער האַרי פּאָטער איז אַרויס !

הײַנט צו טאָג ווייס יעדעס קינד ווער עס איז האַרי פּאָטער – נאָר אויך די טאַטע־מאַמעס לייענען מיט געטרײַשאַפֿט די אַוואַנטורעס פֿונעם יונגן צויבערער[8]. פֿון דער אַנדערער זײַט איז שוין יאָרן ווי לערערס און ספּעציאַליסטן סטראַשען[9] מיטן אונטערגאַנג פֿונעם געשריבענעם וואָרט. יונגוואַרג, זאָגט מען אונדז, לייענט שוין נישט מער און אַחוץ[10] קאָמפּיוטער־ און ווידעאָ־שפּילן וויסן זיי נעבעך[11] גאָרנישט פֿון קולטור. דערוואַקסענע האָבן גלאַט נישט מער קיין צײַט אויף גאָרנישט אַחוץ אַרבעט. איז, ווי דערקלערט מען עס אַז אומעטום אויף דער וועלט וואַרטן גרויס און קליין אומגעדולדיק אויף אַ נײַעם האַרי פּאָטער און זענען גרייט צו שטיין שעהען[12] לאַנג אין דער ריי זיך צו קויפֿן אַן עקזעמפּלאַר באַלד ווי[13] עס גייט אַרויס ? דער ענטפֿער אויפֿן רעטעניש[14] איז אפֿשר[15] די צויבערקראַפֿט[16] פֿון צויבער. מיר זענען אַלע צוגעצויגן צו דעם געדאַנק אַז הינטער דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, הינטערן לעבן וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג און גרוי, באַהאַלט זיך אַ וועלט פֿול מיט אַוואַנטורעס. און ווי נאָר מיר וועלן אַ מאָל געפֿינען דעם ריכטיקן שפּרוך[17], וועט זיך אונדז אַנטפּלעקן[18] אַ וועלט וואָס מיר האָבן קיין מאָל ניט געאַנט[19].

בײַם אָנהייב מעשׂה[20] איז האַרי פּאָטערס לעבן אַפֿילו[21] טרויעריקער ווי אונדזער אייגענע רוטין. ניט נאָר וואָס ס׳איז אַזוי לאַנגווײַליק און אומעטיק, נאָר אויך ווײַל ער איז אַרומגערינגלט מיט מענטשן וואָס האָבן דווקא[22] זייער ליב אָט די באַנאַלע עקזיסטענץ, און זייער פֿײַנט אַלץ וואָס איז אַ ביסל מער אָריגינעל – און האַרין אַליין באַזונדערש. נאָר פּלוצלינג הייבט מען אָן אים צו שיקן מאָדנע בריוו, איבערגעגעבן דורך אַ סאָווע[23], און נאָך איידער ער האָט צײַט צו זאָגן „אַבראַקאַדאַבראַ“ איז ער שוין אַ תּלמיד[24] אין דער פּרעסטיזשפֿולער כּישוף[25]־שול האָגוואָרטס. דאָרטן אַנטדעקן מיר צוזאַמען מיט אים איין וווּנדער נאָכן צווייטן, און די חנעוודיקע אײַנפֿאַלן[26] פֿון דער אויטאָרשע, דזש. ק. ראָלינג, נעמען ממש[27] ניט קיין סוף[28] ; מענטשן אויף בילדער רירן זיך און שמועסן מיט די לעבעדיקע, די וועטשערע[29] באַווײַזט זיך אַליין אויפֿן טיש, גײַסטער[30] פֿליִען דורך די ווענט, קעץ ווערן פּלוצלינג מענטשן און מענטשן ווערן קעץ. ראָלינג האָט זיך אויסגעטראַכט זייער אַ רײַכע וועלט. אויף יעדער זײַט באַגעגענען מיר זיך מיט איבערראַשנדיקע[31] געשעענישן און קרעאַטורן, צום טייל איבערגענומענע פֿון פֿאַרשיידענע טראַדיציעס און לעגענדעס, און צום טייל אייגענע שאַפֿונגען. אָבער די אויסגעטראַכטע צויבערוועלט איז ניט נאָר פֿאַנטאַסטיש און נײַ נאָר אויך מענטשלעך און היימיש[32]. די כאַראַקטערן און געפֿילן פֿון די כּישוף־מאַכער זענען די זעלבע וואָס מיר קענען פֿון זיך אַליין. וואָס שייך[33] די באַציִונגען צווישן זיך, פֿירן זיי זיך ממש ווי נאָרמאַלע מענטשן, און מיר קענען זיך לײַכט אידענטיפֿיצירן מיט זיי. זיי האָבן זיך ליב אָדער פֿײַנט, זײַנען זיך מקנא[34], האָבן מורא[35] און זײַנען מיד בײַם סוף טאָג. אָט דאָס איז דער גרויסער כּישוף פֿון האַרי פּאָטער – ער שטעלט מיט זיך פֿאָר[36] אונדזערע חלומות[37], נאָר אין די ראַמען פֿון אַ וועלט וואָס מיר קענען באַנעמען[38].

*שרון*



1. aéroport/airport 2. curieux/curious 3. MISTOME probablement/probably 4. exactement/exactly 5. HASMODE persévérance/perseverance 6. FARYO'SEMTE un orphelin/orphaned 7. APONEM apparemment/apparently 8. sorcier/wizard 9. menacent/threaten 10. AKhU'TS à part/except for 11. les pauvres/poor things 12. ShOEN heures/hours 13. dès que/as soon as 14. enigme/riddle 15. EFShER peut-être/perhaps 16. pouvoirs magiques/magic force 17. formule magique/spell 18. se révèlera/will be revealed 19. soupçonné/suspected 20. MAYSE histoire/story 21. AFILE même/even 22. DAVKE justement/*here*: really do 23. hibou/owl 24. TALMID élève/student 25. KIShEF magie/magic 26. KhE'YNEVDIKE ... idées savoureuses/clever ideas 27. MAMESh vraiment/really 28. ... SOF sont inépuisables/are endless 29. dîner/supper 30. esprits/spirits 31. surprenants/surprising 32. familier/familiar 33. ... ShAYEKh quant à/concerning 34. ... MEKANE sont jaloux/are jealous 35. ... MOYRE ont peur/are afraid 36. représente/represents 37. KhALOYMES rêves/dreams 38. comprendre/understand.

# אין פּוילן מיט דער „וואַליזקע"[1]

דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער, צוזאַמען מיט אַ רײַזע־אַגענטור „וואַליזקע", האָט הײַיאָר אין זומער אָרגאַניזירט צוויי רײַזעס אין פּוילן. מיר דרוקן דאָ אָפּ צוויי באַריכטן פֿון אָנטיילנעמער.

## מײַן צווייטע רײַזע

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך דאָ געדרוקט אַ פּאָר ווערטער וועגן מײַן ערשטער נסיעה[2] אין פּוילן : שווער און אָנגעווייטיקט זענען זיי געווען ווי מײַן רײַזע אַליין. אָבער דער ווייטיק איז זיך צעגאַנגען און אַ קליין ליכטל איז געבליבן אָנגעצונדן ווי אַ האָפֿענונג : די ייִדישע נשמה[3] פֿליט נאָך אַלץ איבער פּוילישע גאַסן און באַלעבט פּוילישע הערצער. די האָפֿענונג איז געוואָרן שטאַרקער ווי דער געירשנטער[4] האַס און איך האָב באַשלאָסן צו פֿאָרן נאָך אַ מאָל קיין פּוילן. נישט מיטן ציל צו זוכן אַ פֿאַרשווונדענע וועלט, נאָר צו זוכן די סימנים[5] פֿון ייִדישן אויפֿבלי[6]. דאָס מאָל בין איך געפֿאָרן מיט אַ גרופּע מענטשן פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער. פֿאַר דער מערהייט איז עס געווען זייער ערשטע רײַזע אין פּוילן. אַ סך פֿון זיי האָבן נישט געוואָלט פֿאָרן אַהין – נאָר עפּעס האָט זיי דאָרטן געצויגן. די רײַזע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַנדרע קאָסמיצקי, אַ פּוילישער ייִד וואָס וווינט איצט אין פֿראַנקרײַך. ער האָט געוואָלט אונדז פֿאָרשטעלן די וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ייִדישקייט אין פּוילן. אין לאָדזש, לובלין, קוזמיר און וואַרשע האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט פּוילישע ייִדן און נישט־ייִדן. צערודערנדיקע[7] טרעפֿונגען, גאָר ווײַט פֿון דעם וואָס מיר האָבן געהאַט אין זינען ! מיר האָבן זיך געמאָלט פּוילן ווי דעם ריזיקן בית־עולם[8] פֿון דער ייִדישער קולטור. און דאָ האָבן מיר פֿאַר די אויגן פּוילישע ייִדן וואָס נאָך 50 יאָר שווײַגן באַקומען זיי צוריק זייער אמונה[9], זייער אידענטיטעט, אָדער פּשוט[10] אַ קולטור וואָס איז פֿאַרפֿלאָכטן[11] מיט דער פּוילישער קולטור פֿון דורות[12] אָן. מיר האָבן זיי אויסגעהערט, נאָר געהאַט ספֿקות[13] צי זיי זענען מיט אונדז אין גאַנצן אָפֿן. איך האָב מיט זיי געשמועסט, געזונגען, געבענטשט ליכט און געדאַוונט שבת[14], געטאַנצט אויף אַ חתונה[15], גערעדט ייִדיש. טאָג נאָך טאָג האָב איך זיי בעסער פֿאַרשטאַנען.

אין גרויסע שטעט זענען דאָ קהילות[16], ווו קינדער און דערוואַקסענע קענען זיך לערנען העברעיִש אָדער ייִדיש אין פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. אַ פּאָר אוניווערסיטעטן האָבן ייִדישע לימודים[17] אין זייערע פּראָגראַמען. פֿעסטיוואַלן פֿון ייִדישער קולטור קומען פֿאָר


אַ ייִדישע חתונה אין וואַרשע (יוני 2007) D.R.

אין וואַרשע, קראָקע און לאָדזש. מע קען נישט געני זאָגן וויפֿל ייִדן עס לעבן הײַנט אין פּוילן. „טו אַ טרייסל דײַן שטאַמבוים[18], וועסט אַראָפּפֿאַלן אַ ייִד" זאָגט מען אויף פּויליש. מע מיינט אַז ס'קען זײַן אַרום 30 000 ייִדן, און אַן ערך[19] 5000 זענען פֿאַרשריבן אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. פֿירן הײַנט אַ ייִדיש לעבן אין פּוילן איז נאָך נישט אַזוי לײַכט, אָבער מיט זייער התלהבֿות[20] ברענגען זיי צוריק אַ ביסל ייִדישקייט.

*פֿאַני באַרבאַרע*

## מײַן ערשטע רײַזע

ביז דעם לעצטן מאָמענט האָב איך נישט געקענט גלייבן אַז איך וועל פֿאָרן קיין פּוילן.  מײַן סקעפּטיציזם פֿאַר אָט דער רײַזע איז געווען זייער גרויס. וואָס האָב איך געוואָלט דאָרט געפֿינען ? פֿון פּוילן, ווו די טאַטע־מאַמע האָבן געלעבט, האָב איך קיין מאָל נישט געהערט אין דער היים. אין דער אמתן[21], בין איך געפֿאָרן אָן איבערצײַגונג[22]. פֿונדעסטוועגן[23] האָבן מיר איבערגעלעבט פֿאַנטאַסטישע מאָמענטן. אונדזערע וועגווײַזערס[24] זײַנען געווען לײַדנשאַפֿטלעך[25], פֿול מיט וויסן און מיט אַ שטאַרקן חשק[26] צו טיילן זייער ענטוזיאַזם מיט אונדז. די גרופּע איז געווען אַ סימפּאַטישע, אַ נײַגעריקע[27], אַ געבילדעטע. מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט אויסערגעוויינטלעכע[28] מענטשן : אַ ייִדישער גלח[29], אַן אַקטיאָר, אַן ערל[30] מיט אַ ייִדישער נשמה, אַ וואַרשעווער געטאָ־העלד מיט נאָך טיפֿע האָפֿענונגען אין דער מענטשהייט. איך בין געווען פֿאַרחידושט[31] פֿון דעם אויפֿלעב פֿון פֿרומקייט בײַ ייִדן און צופֿרידן צו זען אַז עס זענען דאָ יונגע פּוילישע גויים וואָס ווילן קענען די ייִדישע קולטור און זוכן איר השפּעה[32] אין דער אייגענער קולטורעלער ירושה[33]. ס'זעט אויס אַז מע הייבט אָן צו דערקענען, אַז די ייִדישע געשיכטע איז אַ טייל פֿון דער געשיכטע פֿון פּוילן. ס'איז טאַקע זייער וויכטיק פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון די באַציִונגען[34] צווישן פּאָליאַקן און ייִדן.

פֿאַר מיר אָבער בלײַבט פּוילן אַ בית־עולם – אַ לאַנד ווו ייִדן האָבן

[סוף זײַט 8]

1. valise (*Agence de voyages/Travel Agency "Valiske"*, André Kosmicki, www.valiske.com) 2. NESIE voyage/trip 3. NESHOME âme/soul 4. GEYA'RSHNTER hérité/inherited 5. SIMONIM signes/signs, *sing.* סימן SIMEN 6. renouveau/revival 7. perturbants/disturbing 8. BEYS-OYLEM cimetière/cemetery 9. EMUNE foi/faith 10. POSHET simplement/simply 11. imbriqué/intertwined 12. DOYRES générations, *sing.* דור DOR 13. SFEYKES doutes/doubts, *sing.* ספֿק SOFEK 14. SHABES shabbat/Sabbath 15. KHA'SENE mariage/wedding 16. KEHILES communautés juives/Jewish communities 17. LIMUDIM études/studies 18. secoue ton arbre généalogique.../shake your family tree...19. ... EREKH environ/about 20. HISLAYVES enthousiasme/enthusiasm 21. ...E'MESN à vrai dire/in fact 22. conviction 23. néanmoins/nevertheless 24. guides 25. passionnés/impassioned 26. KHEYSHEK désir/eagerness 27. curieux/curious 28. extraordinaires/extraordinary 29. GALEKH prêtre/priest 30. ORL non-Juif/non-Jew 31. FARKHIDESHT étonné/amazed 32. HASHPOE influence 33. YERUSHE héritage 34. relations

## רובריק : טשיקאַוועסן[1] פֿון דער וועלט : אויסטערלישע געשעענישן[2]

צונויפֿגעשטעלט דורך יואל[3] מאַטוועיעוו

# 60 יאָר זינט דעם „ראָזוועל־אינצידענט“

מאָנטיק, דעם 2טן יולי, האָבן די פֿאָרשער[4] פֿון די „פֿליִענדיקע טעלערס[5]“, ווי אויך סתּם[6] ליבהאָבער פֿון וויסנשאַפֿטלעכער פֿאַנטאַסטיק[7] און סודותדיקע[8] געשיכטעס, אָפּגעמערקט[9] דעם 60סטן יובילײ פֿונעם באַרימטן „ראָזוועל־אינצידענט“ ; צוליב דעם דאָזיקן אינצידענט ווערט דער 2טער יולי אָנערקענט אין געוויסע קרײַזן ווי דער „אינטערנאַציאָנאַלער טאָג פֿון UFO[10]“. די וואָך, פֿונעם 5טן ביזן 8טן יולי, ווער אין דער שטאָט ראָזוועל, שטאַט ניו־מעקסיקאָ, דורכגעפֿירט ווערן דער יערלעכער „UFO־פֿעסטיוואַל“, אין וועלכן עס קלײַבן זיך הײַיאָר צו באַטייליקן איבער פֿופֿציק טויזנט מענטשן [...].

דעם 8טן יולי 1947 האָבן די אַמעריקאַנער לופֿט־כּוחות[11] איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן געפֿונען רעשטלעך פֿון אַ „פֿליִענדיקן טעלער“, וועלכער האָט געקראַכט אויף אַ פֿאַרם, 70 מײַל צפֿון[12] פֿון ראָזוועל. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיי צוריקגעצויגן דאָס געזאָגטע, און געמאָלדן, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ לופֿטבאַלאָן. און דאָך, האָט דער מיליטערישער באַריכט[13] אַרויסגערופֿן אַן אינטערעס־כוואַליע[14] צווישן די אַמעריקאַנער, און איז געדעקט געוואָרן אין די מעדיאַ־מיטלען אַרום דער גאַנצער וועלט. [...]

די פֿאָרשער פֿון די „פֿליִענדיקע טעלערס“ האָבן גענומען זאַמלען מער אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם קראַך. אינעם יאָר 1989 האָט גלען דעניס, אַ צווינטער[15]־אַרבעטער, געמאָלדן, אַז די מיליטערישע דאָקטוירים אויף דער לופֿטבאַזע אין ראָזוועל האָבן אַ מאָל דורכגעפֿירט אַן אַנאַטאָמישע פֿאָרשונג איבער עטלעכע גופֿים[16] פֿון טויטע פּילאָטן פֿון אַן אַנדער פּלאַנעט. צוליב דעם וואַקסנדיקן גערודער[17] אַרום די „געקראַכטע פֿליִענדיקע טעלערס“, האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס דורכגעפֿירט אַן אינערלעכע אויספֿאָרשונג[18] פֿון דער געשיכטע ; אינעם יאָר 1995 האָבן די אויספֿאָרשער איבערגעגעבן, אַז די געפֿונענע רעשטלעך פֿון אַ פֿלי־אַפּאַראַט האָבן מסתּמא[19] געהערט צו אַ שטרענג געהיימען[20] לופֿטבאַלאָן, אויסגעשטאַט[21] מיט ספּעציעלער אַפּאַראַטור, דורך וועלכער די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט נאָכשפּיאָנירט די סאָוועטישע מיליטערישע עקספּערימענטן. די קאָמיסיע האָט איבערגעגעבן אַז אין ראָזוועל זענען קיין מאָל נישט געפֿאַלן קיין „פֿליִענדיקע טעלערס“ און פֿאַרמאַכט די אויספֿאָרשונג.

אָבער במשך[22] פֿון די יאָרן איז פֿון דעם „ראָזוועל־אינצידענט“ געבוירן געוואָרן אַ גאַנצער פֿאָלקלאָר [...]. אַ צאָל געוועזענע אָפֿיצירן און מיליטערישע באַאַמטע האָבן עדות געגעבן[23], אַז זיי האָבן אַליין געזען דעם „טעלער“ און זײַנע פּילאָטן ; די סקעפּטיקער האָבן אָבער שפּעטער דערוויזן אַז לכל־הפּחות[24] אַ טייל פֿון די דאָזיקע עדותשאַפֿטן[25] זענען פֿאַלש.



[...] די פֿאַרגאַנגענע וואָך איז פֿאַרעפֿנטלעכט[26] געוואָרן דאָס בוך פֿון דאָנאַלד סמיט און טאָם קערי, *Witness to Roswell*, („אַן עדות־זאָגער וועגן ראָזוועל“) ; צווישן אַנדערע איז דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ דאָקומענט פֿון וואָלטער האָוט [וועלכער האָט פּובליקירט דעם ערשטן פּרעסע־באַריכט וועגן דעם „פֿליִענדיקן טעלער“] אין וועלכן דער לייטענאַנט האָט בפֿירוש[27] באַשטעטיקט[28], אַז ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען דעם „פֿליִענדיקן טעלער“, ווי אויך די גופֿים פֿון די טויטע פּילאָטן, און אַז די מיליטערישע אינסטאַנצן האָבן אויסגעטראַכט די ווערסיע מיט אַ „לופֿטבאַלאָן“ כּדי[29] אויסצובאַהאַלטן די געהיימע אינפֿאָרמאַציע. ס'זעט אויס, אַז די ראָזוועל־קאָנטראָווערסיע איז נאָך ווײַט נישט פֿאַרענדיקט.

צי עס איז אין ראָזוועל־געגנט געפֿאַלן אַ לופֿטבאַלאָן, צי עפּעס אַן אַנדער מכשיר[30], צי טאַקע – ווער ווייסט – אַ פֿרעמדפּלאַנעטישע קאָסמאָס־שיף, אין יעדן פֿאַל האָט די לעגענדע שטאַרק משפּיע[31] געווען אויף דער הײַנטצײַטיקער פֿאַנטאַסטישער ליטעראַטור, קינאָ, ווי אויך אויף שאַפֿונגען פֿון אַ צאָל באַקאַנטע מוזיקאַלישע גרופּעס, און געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פֿונעם מאָדערנעם פֿאָלקלאָר. ס'זעט אויס, אַז אַ פֿאַסצינירנדיקע לעגענדע, אַ מיטאָס, קען דינען ווי אַ קוואַל פֿון שעפֿערישקייט נישט ווייניקער, ווי אַ רעאַל היסטאָריש געשעעניש – אַפֿילו[32] אין די הײַנטיקע ראַציאָנאַליסטישע צײַטן.

1. curiosités/curiosities 2. événements étranges/strange events 3. YOEL 4. chercheurs/researchers 5. soucoupes volantes/flying saucers 6. STAM ordinaires/just plain 7. science-fiction 8. SO'YDESDIKE secrets/secret 9. célébré/marked 10. OVNI 11. ... KOYKhES forces aériennes/Air Force 12. TSOFN au nord/north 13. rapport/report 14. vague/wave 15. cimetière/cemetery 16. GUFIM corps/bodies 17. tumulte/commotion 18. enquête/investigation 19. MISTOME probablement/probably 20. top secret 21. équipé/equipped 22. BEMESHEKh au cours de/during 23. EYDES ... ont témoigné/testified 24. LEKhOL-HAPOKhES au moins/at least 25. E'YDESShAFTN témoignages/testimonies 26. publié/published 27. BEFEYRESh formellement/explicitly 28. confirmé/confirmed 29. KEDE'Y afin de/in order to 30. MAKhShIR outil/implement 31. MAShPIE influencé/influenced 32. AFILE même/even.

# מעשׂה[1] וועגן האַרי פּאָטער ווערט ווײַטער עקראַניזירט – און געשלאָסן




די פֿאַרגאַנגענע וואָך איז אין די אַמעריקאַנער קינאָ־טעאַטערס פֿאָרגעקומען די פּרעמיערע פֿונעם פֿילם „האַרי פּאָטער און דער אָרדן פֿון פֿעניקס“ – לויט דעם פֿינפֿטן בוך פֿון דער סעריע, אָנגעשריבן דורך דער ענגלישער שרײַבערין דזשאָען ראָלינג. מיטוואָך האָט די אַמעריקאַנער קינאָ־פֿירמע „וואָרנער־ברידער“, וועלכע האָט געשאַפֿן דעם פֿילם, איבערגעגעבן, אַז במשך[2] פֿון דער ערשטער וואָך נאָך דער פּרעמיערע, זינט דעם 11טן יולי, האָט דער פֿילם שוין געבראַכט 140 מיליאָן דאָלאַר ריווח[3]. [...] אינעם פֿינפֿטן בוך פֿון דער סעריע, ווי אויך אין דעם נײַעם פֿילם, לערנט זיך דער יונגער כּישוף־מאַכער[4] האַרי פּאָטער שוין דאָס פֿינפֿטע יאָר אין האָגוואָרטס[5]. דורך דעם „אָרדן פֿון פֿעניקס“, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן קאַמף קעגן די בייזע כּוחות[6], ווערט האַרי געוווירן[7], אַז דער בייזער מכשף[8] וואָלדעמאָרט זוכט עפּעס אַ מעכטיק געווער[9]. וואָלדעמאָרט נאַרט האַרי פּאָטערן אַרײַן אין אַ פּאַסטקע[10], פֿאַרכאַפּט אים, און פֿאָדערט אים צו העלפֿן אַנטפּלעקן[11] עפּעס אַ „נבֿואה[12]“, באַהאַלטן אין אַ גלעזערנער קויל[13]. [...] די הויפּטאַקטיאָרן אין דעם נײַעם פֿילם בלײַבן די זעלבע, ווי אין די פֿרִיערדיקע פֿילמען פֿון דער סעריע [...]. צוליב דעם, וואָס די פֿילמען ווערן פּראָדוצירט בערך[14] מיט דער זעלבער גיכקייט, ווי די אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן אין דער ביכער־סעריע, וואַקסן די יונגע פּערסאָנאַזשן טאַקע צו אין יעדן פֿילם. [...] די ליבהאָבער פֿונעם פֿילם האָבן געשאַפֿן אומצאָליקע וועבזײַטלעך אויף דער אינטערנעץ, נאָכפֿאָלגנדיק יאָר נאָך יאָר דאָס לעבן פֿון די באַליבטע אַקטיאָרן.

די קומענדיקע וואָך, דעם 21סטן יולי, קומט אַרויס דער פֿינאַל־טייל פֿון דער ביכער־סעריע, *Harry Potter and the Deathly Hallows* (בערך – „האַרי פּאָטער און די חפֿצים פֿון טויט[15]“). [...] האַרי פּאָטערס ליבהאָבערס האָבן זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן דעם גורל[16] פֿונעם הויפּטהעלד, מורא האָבנדיק[17], אַז ראָלינג קלײַבט זיך נישט צו פֿאַרענדיקן איר ווערק מיט אַ געוויינטלעכן „העפּי־ענד“, כּדי[18] אָפּצושליסן די סעריע מיט אַ קלאָרן סוף[19].

די וואָך האָט עמעצער געפֿונען אַן עקזעמפּלאַר פֿונעם בוך, אַ פּנים[20] אין אַ סקלאַד[21] פֿון אַ ביכערקראָם, פֿאָטאָגראַפֿירט אַלע זײַטן און פֿאַרשפּרייט זיי אויף דער אינטערנעץ. דעריבער האָבן אַ טייל לייענערס שוין געקראָגן „פּיראַטישע“ קאָמפּיוטער־קאָפּיעס פֿונעם בוך, און האָבן זיך באַקענט מיטן אינהאַלט פֿאַר דער אָפֿיציעלער פּרעזענטאַציע. [...]

1. MAYSE histoire/story 2. BEMEShEKh pendant/during 3. REYVEKh bénéfices/profit 4. KIShEF-... sorcier/wizard 5. Poudlard 6. ... KOYKhES forces du mal/evil forces 7. apprend/becomes aware 8. MEKhAShEF sorcier/wizard 9. arme puissante/powerful weapon 10. piège/trap 11. révéler/reveal 12. NEVUE prophétie/prophecy 13. boule de cristal/crystal ball 14. BEEREKh à peu près/approximately 15. ... KhFEYTSIM... *Les Reliques de la mort* 16. GOYRL destin/fate 17. MOYRE ... craignant/fearing 18. KEDE'Y afin de/in order to 19. SOF fin/end 20. APONEM apparemment/apparently 21. entrepôt/warehouse.

## כּישוף־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| די מכשפֿה (–ות) [MAKhShEYFE] | sorcière/witch |
| די כּישוף־מאַכערין (ס) [KIShEF-] | sorcière/witch |
| דער מכשף (ים) [MEKhAShEF] | sorcier/wizard |
| דער כּישוף־מאַכער (–/ס) [KIShEF-] | sorcier, magicien/wizard |
| דער צויבער, דער כּישוף [KIShEF] | magie/magic |
| כּישופֿן [KI'ShEFN] | faire de la magie |
| פֿאַרכּישופֿט [FARKIShEFT] | ensorcelé/enchanted |

## איך וויל אַבאָנירן דעם פֿאָרווערטס

אַבאָנעמענט־פּרײַז : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 63 דאָלאַר, האַלב יאָר – 12 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 04 דאָלאַר, האַלב יאָר – 52 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 79 דאָלאַר

נאָמען : ........................................ קרעדיט־קאַרטע־נומער : ........................................

אַדרעס : ........................................ אויסגאַנג[4]־דאַטע : ........................................

........................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

[סוף פֿון זײַט 5]



אַזוי געליטן. די אַלע שטעט
און שטעטלעך וואָס מיר
האָבן באַזוכט האָבן גאָרניט
אויפֿגעוועקט בײַ מיר
אין האַרצן. די רײַזע האָט
מיך אָבער יאָ דערנענטערט צו
דער אויסערגעוויינטלעכער
ייִדישער קולטור וואָס
האָט זיך אַנטוויקלט
אין פּוילן אין משך פֿון[35]
עטלעכע יאָרהונדערטער.
ס'האָט פֿאַרשטאַרקט מײַן
ווונטש צו קענען די רײַכע
ייִדישע ליטעראַטור און בעסער זיך
אויסצודריקן אויף מאַמע־לשון[36].

*אַלבערט ליפּקאָוויטש*

35. ... MESHEKH ... au cours de/in the course of 36. MAME-LOSHN yiddish.

## דעמאָנאָלאָגישער גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| [SHED - SHEYDIM] דער שד (ים) | démon |
| [SHE'DIKHE] די שדיכע (עס) | démon (*fém.*) |
| [SHEDL - SHE'YDIMLEKH] דאָס שדל (שדימלעך) | diablotin/little devil |
| דאָס שרעטל (עך) | lutin/elf |
| דער לאַפּיטוט (ן) | diablotin/little devil |
| [LETS - LEYTSIM/LETSONIM] דער לץ (לצים/לצנים) | esprit farceur/prankster |
| [RUEKH - RUKHES] דער (בייזער) רוח | (mauvais) esprit/(evil) spirit |
| דער נישט־גוטער (נישט־גוטע) | le Malin/the Evil one |
| [SITRE-AKHRE] די סיטרא־אַחרא | les forces du Mal/forces of Evil |
| [YEYTSER-HORE] דער יצר־הרע | le mauvais penchant/the evil inclination |
| דער טײַוול (טײַוולאָנים), שוואַרץ־יאָר | diable/devil |
| [SOTN] דער שׂטן | Satan |
| [A'SHMEDAY] אַשמדאי | Asmodée/Asmodeus |
| [SAMOEL] סמאל, [SAM] ס"ם | Samaël |
| [LILIS] לילית | Lilith |
| [GE(HE)NEM] דער/דאָס גיהנום | enfer/hell |
| [SHOYL-TAKHTIE] די אונטערוועלט, שאול־תּחתּיה | monde souterrain/underworld |

[סוף פֿון זײַט 1]

All Hallows Evening, שפּעטער פֿאַרקירצט אויף Hallows' E'en אָדער Halloween. דער 2טער נאָוועמבער איז געוואָרן דער טאָג פֿון די טויטע.

די אַלטע קעלטישע מינהגים האָבן די אימיגראַנטן פֿון אירלאַנד און שאָטלאַנד מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע אינעם 19טן יאָרהונדערט – און דאָס איז דער אָפּשטאַם[29] פֿון דער הײַנטיקער חגא האַלאָווין. די פֿאַרשיידענע פּירונגען פֿונעם הײַנטיקן האַלאָווין זײַנען וואַריאַנטן פֿון אָט די אַמאָליקע מינהגים. די קאָלירן פֿון האַלאָווין, אָראַנזש און שוואַרץ, סימבאָליזירן האַרבסט, דעם שניט[30] וואָס איז געענדיקט און די טונקעלע צײַט וואָס הייבט זיך אָן. די עפּל זײַנען געבליבן אין אַ שפּיל ווו קינדער דאַרפֿן אַרויסציִען אַן עפּל פֿון אַ שיסל וואַסער מיט די ציין אָן די הענט. די ריבן זײַנען געוואָרן אין אַמעריקע דיניעס[31], וואָס מען שניצט אויס אין זיי שרעקנדיקע פּנימער[32] און מע שטעלט אַרײַן אין זיי ליכט. אַלע אַנדערע סימבאָלן האָבן צו טאָן מיט טויט (פֿאַנטאָמען, סקעלעטן) און מיט די בייזע כּוחות[33] (מכשפֿות[34], וואַמפּירן, שוואַרצע קעץ, פֿלעדערמײַז[35] און פֿאַרשיידענע פֿאַרזעענישן[36]). הײַנט איז דאָס געוואָרן אַ פֿריילעכער יום־טובֿ, דער עיקר[37] פֿאַר קינדער, וואָס פֿאַרשטעלן זיך[38], גייען איבער די הײַזער קלײַבן צוקערלעך, און מאַכן אַלע סאָרטן שטיפֿערײַען[39]. ס'איז ענלעך צו פּורים דערמיט, וואָס מען מעג אויך טאָן זאַכן וואָס מע טאָר נישט טאָן אַ גאַנץ יאָר.

צוליב האַלאָווין האָבן מיר געווידמעט[40] דעם הײַנטיקן נומער אַלע איבערנאַטירלעכע כּוחות, וואָס זײַנען הײַנט צו טאָג שטאַרק אין דער מאָדע.



29. origine/origin 30. récolte/harvest 31. potirons/pumpkins 32. PE'NEMER visages/faces, *sing.* פּנים PONEM 33. KOYKHES forces ; *sing.* כּוח KOYEKH 34. MAKHSHEYFES sorcières/witches 35. chauve-souris/bats 36. monstres/monsters 37. DER IKER surtout/especially 38. se déguisent/dress up 39. farces/pranks 40. consacré/devoted.




# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.



DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47

tamtam@yiddishweb.com


מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ: www.yiddishweb.com